UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

## Title
A Bagegenish Mit Yidn Oyf Di Azorn Inzlen (Zikhroynes)/ A Meeting With Jews of the Azore Islands (Memoir)

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/81j6t7dq

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

Author
Dr. Judah Pilch, Dr. Yehuda Piltsh/

Publication Date
1981

Copyright Information
Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

ד״ר יהודה פילטש

# אַ באַגעגעניש מיט יידן אויף די אַזאָרן-אינדזלען

(אַ קאַפּיטל זכרונות)

עס איז געווען זומער 1927. די פראַנצויזישע שיף „סינאַיאַ״, מיט וועלכער איך בין געפאָרן פון ניו-יאָרק קיין ארץ ישראל, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם האַפן פּאָנטאַ דעלגאַדאָ, אַ שטאָט, וואָס געפינט זיך אויף איינעם פון די דריי גרעסערע אינדזלען פון דער אַזאָרישער גרופּע. איך האָב באַקומען אַ דערלויבעניש אַראָפּצוגיין פון שיף און באַזוכן דאָס שטעטל. שפּאַצירנדיק איבער די גאַסן האָב איך געקוקט מיט גרויס אינטערעס אויף די רעשטלעך פון דער אַמאָליקער שפּאַנישער קולטור. נאַטירלעך אַז איך האָב געטראַכט וועגן דעם טראַגישן קאַפּיטל יידישע געשיכטע אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. די גרויסע פאַרלאָזענע מאָנאַסטירן, די אונטערערדישע טונעלן, וואָס האָבן פאַראייניקט אין מאָנאַסטיר מיטן צווייטן, די פאַרשידענע מאָנומענטן פון קריסטלעכע העלדן, וועלכע האָבן אויף מיר געקוקט מיט מיסטעריעזע פּנימער, האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. איך האָב דערשפּירט אַ געפיל פון מורא.

ס׳איז מיר געוואָרן אומבאַקוועם דאָס קריכן צווישן די הייליקע מקומות פון וועלכע ס׳האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשימלטער ריח. איבערהויפּט ווען מיין וועגווייזער, וואָס האָט מיר אָנגעבאָטן זיין דינסט גלייך ווי איך בין אַראָפּ פון שיף, האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן די היסטאָרישע פּאַסירונגען וואָס האָבן מיט יאָרן צוריק געלייגט זייער שטעמפּל אויף די אינדזלען פון דער אַזאָרישער גרופּע, האָב איך ניט ווילנדיק דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון יידישע קולות און יידישן געוויין, דעם ווידערקול פון דעם „שמע ישראל״, מיט וועלכן אַזוי פיל יידן האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס אויף קידוש השם און געשפּרונגען אין די פייערן פון דער אינקוויזיציע. איך האָב זיך ניט געקענט באַפרייען פון די טרויעריקע מחשבות וואָס האָבן געדריקט מיין נשמה.

זיינען דאָ פאַראַן יידישע קברים? האָבן זיך ווייטער געוועבט די מחשבות מיינע און ס׳האָט זיך מיר זייער געוואָלט באַגעגענען מיט אַן אָרטיקן יידן. מיין וועגווייזער פאַרזיכערט מיר אָבער, אַז ער ווייסט ניט פון קיין יידן אין פּאָנטאָ דעלגאַטאָ. די אַמאָליקע יידישע גאַס האָט ער מיר שוין געוויזן אָבער פון לעבעדיקע יידן ווייסט ער ניט, זיי זיינען ניטאָ. איך האָב שוין געוואָלט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז איך וועל שוין ניט באַגעגענען קיין יידן. האָב איך אָפּגעלאָזט מיין וועגווייזער און אַריין אין אַ קראָם איינצוקויפן עפּעס און צוואַרטן ביז פאַרנאַכט צוריקצוגיין צו דער שיף.

געקויפט האָב איך סיגאַרעטן, און אַזוי ווי מיין קרעמער האָט געמוזט אויסבייטן מיין אַמעריקאַנעם דאָלער אויף פּאָרטוגעזישע מטבעות איז ער אַוועק אין באַנק און איך בין געבליבן וואַרטן. אין קראָם איז דערווייל אַריין אַ פרוי, מסתמא אַכטונג צו געבן אויף מיר ביז דער קרעמער וועט צוריקקומען. נישט האָבנדיק וואָס צו טאָן האָב איך גענומען באַטראַכטן די פּאָליצעס מיט די פאַרשידענע אַרטיקלען. מיט אַמאָל באַמערק איך אין אַ ווינקל אַ פּושקע וואָס איז מיר באַקאַנט. איך גיי צו נעענטער און איך זע פאַר זיך אַ פּושקע פון דעם נאַציאָנאַל פאָנד (קרן קימת לישראל). איך שריי אַזש אויס פאַר פרייד. אַ קרן קימת פּושקע אין פּאַנטאָ דעלגאַטאָ. איז דאָס מעגלעך?!

דערווייל קומט אַריין דער קרעמער, איך שטיי פאַרחלומט און דערהער מיט אַמאָל זיין קול: „איסראַעל״?

— כן, ישראל (יאָ, אַ ייד) — ענטפער איך אין העברעיש.

— ישראל, מה שמך? (אַ ייד, וואָס איז דיין נאָמען?) — שמי יהודה — ענטפער איך.

— יהודה? אַה טוב! ראובן, שמעון, לוי, יהודה — און ער רעכנט אויס אַלע נעמען פון יעקבס זין.

קיין העברעיש קען ער נעבעך ניט ריידן און ער וויל זיך פאַרשטענדיקן מיט מיר. זיינע אויגן פינקלען, ער ראַנגלט זיך נעבעך מיט זיך אַליין און פלוצלונג הער איך: „שמע ישראל... ארץ ישראל... יהודה... טוב... טוב.“ אָט אַזוי גיט ער מיר צו פאַרשטיין אַז ער איז אַ י י ד. ער נעמט אַרויס די פושקע, ער קושט מיין האַנט און קושט די פושקע. איך דערפיל זיין פרייד: ער האָט זיך באַגעגנט מיט אַ וויטן ברודער פון אַ וויטן לאַנד.

שפעטער האָב איך אויסגעפונען פון זיין פרוי, וועלכע האָט גערעדט אַביסל לאַדינאָ (די ספרדישע שפראַך), וואָס איז מיר באַקאַנט פון מיינע וואַנדערונגען אין טערקיי, אַז אין פאָנטאָ דעלגאַטאָ זיינען פאַראַן 8 יידישע משפחות, וועלכע שטאַמען פון די אַמאָליקע פאָרטוגעזישע משפחות, וועלכע שטאַמען פון די אַמאָליקע פאָרטוגעזישע מאַראַנען (אנוסים) וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער אינקוויזיציע: מ|האָט זיי גערודפט טראָץ דעם וואָס זיי זיינען געווען אָפיציעל געשמדט. די אַכט משפחות האָבן שטילערהייט זייער יידישקייט אָפגעהיט. זייערע קינדער־זין זיינען געמלט און די דערוואַקסענע פאָרן קיין ליסבאָן זוכן חתנים און כלות.

ס'איז מיר נאָר געבליבן צוויי שעה צייט ביז דעם אָפפאָר פון שיף. מיר זיינען אַלע צעטראָגן. איך מוז אין דער קורצער צייט לערנען סיי יידישע געשיכטע און סיי דאָס קעגנוואַרטיקע יידיש לעבן. דער קרעמער לויפט אַרויס און אין עטלעכע מינוטן קערט ער זיך אום מיט נאָך אַ יידן, אַ נייער וועגווייזער. דער נייער וועגווייזער איז אַ מין „כלי־קודש“. ער איז דער אַזוי־גערופענער „חכם“ (אַ ספרדישער רב) און איז אין קאָנטאַקט מיט די יידן פון די דריי אינדזלען. ער קען אַביסל מער העברעיש. ער דערציילט מיר אין געמישטע שפראַכן אַז פאַר די ימים נוראים פאָרן אַלע יידן קיין ליסבאָן, ווו ס'איז פאַראַן אַ שול. אַ שוחט און אַ מוהל קומען פיר מאָל אַ יאָר. די קינדער־זכרים וועלכע ווערן געבוירן וואַרטן פאַר דעם גאַסט דעם מוהל, און די 8 משפחות עסן כשר פלייש נאָר דאַן ווען דער ליסבאָנער „חכם“ קומט. אַ חתונה ווערט אַ שווערער ענין. אַ ספעציעלער שדכן, וועלכער איז באַקאַנט מיט אַלע יידן פון גאַנצן געגנט, איז אויך דער מסדר קידושין. אָט אַזוי האָבן די אינדזלער יידן גענוי יידישקייט.

מיין וועגווייזער האָט מיך געפירט צו אַ הייל. מיט גרויס ערנסט זאָגט ער מיר אַז דאָ איז געווען די שול פון די מאַראַנען. אין די לעצטע יאָרן ווערט די שול זעלטן ווען גענוצט. מיר גייען דורך פאַרשידענע אונטערערדישע וועגן. נאָך דעם גייען מיר אַרויף ווי אויף אַ קליין בערגל. דער וועגוויזער עפנט אַ טיר און מיר גייען אַריין אין אַ קליינער הייל. דער „חכם“ אונדזערער צינדט אָן אַ ליכט און איך דערזע פאַר זיך אַ שול אין אַ חורבה. אין דער שול איז פאַראַן גענוג פלאַץ פאַר צוויי מנינים. אין דער זייט פון שול, ווו אַן עזרת נשים איז אויפגעבויט. די ווענט זיינען פייכט פון נאַסקייט. קיין בימה איז נישטאָ. לעבן אָרון־קודש שטייען עטלעכע לייכטער, אויף דעם דיל ליגן טעפיכער. איך גיי צו נאָענט צו דעם אָרון קודש און דערזע אַ קליינע פאַן מיט אויל — דער נר תמיד. דער „חכם“ זאָגט מיר אַז דאָס אויל־פענדל איז שוין הונדערטער יאָרן אַלט. דער נר תמיד, פאַרזיכערט ער מיר, איז ניט אויסגעלאָשן געוואָרן פאַר פילע יאָרן. ער אַליין קומט אַריין אין הייל און ברענגט אויל.

איך עפן דעם אָרון־קודש און קוק מיט וויינענדיקע אויגן אויף די תורה־ספרים אַריינגעטאָן אין זילבערנע כלים. איך עפן איינע פון די זילבערנע שיידלעך און נעם אין מיינע הענט אַ ספר תורה. ווער ווייסט מיט וויפיל יאָרן צוריק האָט אַ סופר געשריבן דעם טעקסט. איך ווער דורכגענומען מיט דעם כל־נדרי געפיל ווען אַלס קינד האָב איך געהאַלטן מיין זיידנס קאַפאָטע...

מיין באַגלייטער שעפטשעט דערווייל מיט די ליפן אַ מין תפילה אין אַ שפראַך וואָס איך פאַרשטיי ניט. מיט אַ שווער געמיט פאַרלאָז איך די חורבה און גיי צוריק צו דער שיף, וועלכע דאַרף מיך ברענגען קיין ארץ ישראל.